# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, איף שמירת עינים

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

פטרון טהור עינים
הודש אייר
מוה"ר חיים צבי אבערלענדער הי"ו
לע"נ התנא האלוקי רבי שמעון בן יוחאי
זכותו הגדול וזכות של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינו להתברך בכל מילי דמיטב, אמן.

שנה ז | גליון 108 | תז"מ-אח"ק תשפ"ג לפ"ק


# די שפע פון דער וועלט ביים צדיק אין די אויגן

*געדאנקען לרגל די יומדה"ק פון הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע*

**א**ין די איצטיגע טעג גרייטן זיך רבבות אידן איבער דער גארער וועלט צו די יומא דהילולא קדישא פונעם גרויסן צדיק וקדוש, פועל ישועות בקרב הארץ, **הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע**.

גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן, אויסער וואס בחיים חיותו איז רבי ישעי'לע געווען מפורסם איבעראל מיט זיין געוואלדיגן כח צו משפיע זיין ישועות פאר כלל ישראל, האלט עס אויך ווייטער אן לאחר פטירתו לחיי העולם הבא, דער קוואל פון ישועות אין קערעסטיר האט נישט אויסגעטרוקנט, נאר עס שפרודלט און קוועלט ווייטער כמעין המתגבר, און גאר אסאך אידן זענען עדות אויף די ישועות חוץ לדרך הטבע וואס זיי זענען געהאלפן געווארן היינטיגע צייטן בזכות פון דעם צדיק וקדוש.

אומצאליגע בלעטער זענען שוין אנגעפולט געווארן במשך די יארן איבער די געוואלדיגע קדושה פון דעם הייליגן צדיק, און ספעציעל זיין אויסטערלישער כח אין ברענגען א שפע פון פרנסה וכל טוב פאר אידישע קינדער, וואס מ'זעט דערין נאך וואונדערליכע זאכן עד היום הזה. ס'פעלט בכלל נישט אויס מאריך צו זיין דערין אין אונזערע קורצע שורות.

נאטורליך, אין דעם גרויסן טאג ברענגט עס אויטאמאטיש צו וועלן קלערן און פארשטיין, פון וואו דער צדיק האט געשעפט זיין גרויסן כח.

זעלבסטפארשטענדליך אז דאס איז ענינים וועלכע זענען למעלה מהשגתינו, מיר הייבן נישט אן צו פארשטיין פארוואס עפעס דער אדער יענער צדיק האט געהאט זיין ספעציעלן כח, אבער פארט טרעפט מען אין חז"ל אפט אז זיי האבן זיך געוואלט דערגרונטעווען ווען א צדיק האט זוכה געווען צו א ספעציעלע ברכה, ווי מ'האט געפרעגט די תנאים "במה הארכת ימים" או"וו, כדי מיר זאלן קענען ארויסנעמען דערפון דעם לימוד אויף אונזער טאג טעגליכן, און וויסן וויאזוי נאכצוגיין אין דעם צדיק'ס וועגן. הדבק בדרכיו.

אין די זעלבע צייט וואס אידן גיסן אזויפיל ריזיגע געלטער צו טיילן עסן ביד רחבה ורוח נדיבה פאר ארימע און נויטבאדערפטיגע, און סתם לכל דכפין, איז וויכטיג אריינצוקוקן דערין אביסל טיפער. ס'איז א דבר פשוט אז דעם צדיק'ס כח פון טיילן שפע פאר אידן האט געהאט אונטער זיך א סיבה, און מיר דארפן נישט גיין צו ווייט צו טרעפן וואס אונזערע הייליגע חכמים האבן אונז געלערנט במשך הדורות.

## וואס ישעי' לערנט אונז

דער ערשטער פלאץ וואו מ'קען צוריקגיין, איז טאקע צום ארגינעלן "ישעיה", דער הייליגער ישעי' הנביא אין ספר ישעיה (לג טו-טז) לערנט אונז: "ועוצם עיניו מראות ברע .... הוא מרומים ישכון, מצדות סלעים מושבו, לחמו נתן, מימיו נאמנים". אין אידישער אפטייטש: דער וואס פארמאכט זיינע אויגן פון קוקן אויף שלעכטע זאכן .... דער וועט רוען אין דער הייך, אויף שטיינערנע פעסטונגען (ד.ה. א פעסטן גרונד) וועט זיין זיין וואוינונג, זיין ברויט וועט געגעבן ווערן, און זיין וואסער וועט שטענדיג פליסן".

ווי רש"י איז דאס מפרש דארט אויפ'ן פלאץ, "לא יהא מבקש לחם, זרעו יגדל, וכל צרכיו יסופקו". "ער וועט נישט זוכה קיין ברויט (פרנסה), זיינע קינדער וועלן וואקסן, און אלע זיינע באדערפענישן וועלן ווערן צוגעשטעלט".

«««

## זכות הדפסת הגליון

נתנדב לע"נ
הרה"ק רבי **ישעי'** ב"ר **משה מקערעסטיר** זי"ע
זכותו הגדולה תעמוד לימין הנדבן להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, ויזכה להמשיך בעבודת הקודש והרבצת התורה מתוך נחת והרחבת הדעת, אמן

## תוכן הגליון


דבר המערכת ____ זייט 1
יאמרו המושלים / פערזענליכע מעשיות ____ זייט 3
החכם עיניו בראשו / עצות ____ זייט 4
מכתבים למערכת ____ זייט 4


## דבר המערכת

# דער פינטעלע 'ר' מרדכי יצחק'...

צוערשט א געוואלדיגן דאנק פאר אלע אונזערע חשוב'ע ליינער פאר אייער שטארקע חיזוק און פידבעק פון דעם פסח'דיגן גליון. ובפרט איבער דעם מאמר קילורין לעינים פון הגה"צ רבי יצחק משה ארלאנגער שליט"א, און גאר ספעציעל די העכסט-אינטערעסאנטע און באלערנדע אינטערוויו מיט הרה"ח ר' מרדכי יצחק סאמעט שליט"א איבער זיינע לאנגע יארן פון איין קייט פון שמירת עינים צווישן די תפיסה ווענט.

נישט נאר האבן מיר געהערט אן א שיעור פונעם ברייטן ציבור, נאר אפילו זיינע נאנטע ידידים, און זיינע אייגענע קינדער זענען געווען ערשטוינט, זאגנדיג אז זיי האבן קיינמאל נישט געהערט די זאכן פון זייער פאטער. ער האט קיינמאל נישט גערעדט פון זיינע נסיונות אין תפיסה, און דא האט מען ארויסגעצויגן פון אים שטארקע חידושים!

ר' מרדכי יצחק פון זיין זייט פארשטייט בכלל נישט דעם איבערקערעניש. עס איז אים קיינמאל נישט בייגעפאלן אז דאס איז א 'גאנצע מעשה'... דעם חינוך האט ער באקומען אלע יארן פון זיינע עלטערן און זיינע רבי'ס, הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע, דער הייליגער שומר אמונים, זיין גרויסער זיידע הרה"ח ר' שלמה בראנדסדארפער (פאטער פונעם קנה בושם זצוק"ל). זיי האבן אלע געאטעמט מיט שמירת עינים, און ס'איז א דבר פשוט אז אזוי דארף א איד זיך פירן.

וואס ס'איז אים יא געווען א געוואלדיגער חידוש איז, אז במשך די לעצטע יארן האט

««« המשך אויף זייט 4

דוכט זיך אז מ'וועט נישט טרעפן קיין מער צוגעפאסטע ווערטער ווי דאס אויף רבי ישעי'לע קערעסטירער, "לחמו נתן, מימיו נאמנים", דאס האט מען געזען ביים הייליגן צדיק טאג איין טאג אויס, איין וואך אויס, ווי ביי אים האט זיך געגאסן עסן און טרינקען, ארום אים האט קיינעם גארנישט געפעלט, אין זכות פון זיין קדושה וטהרה, און ווי דער נביא ישעי' האט געזאגט טויזנטער יארן צוריק אויף יעדן ערליכן איד וואס איז "עוצם עיניו מראות ברע".

און אונזערע ספה"ק זענען אנגעלאָדנט מיט אזעלכע מקורות. צב"ש ווי דער זוה"ק (מקץ קצו:) שרייבט אז יוסף הצדיק האט דערגרייכט צו אזא אויסטערלישע געוואלדיגע עשירות איינצוזאמלען דאס גאלד און זילבער פון די גאנצע וועלט אין זיינע אוצרות, דערפאר וואס ער האט זיך אפגעהיטן בקדושה וטהרה אין אזא שמוציגע לאנד און ערות הארץ ווי דאס לאנד מצרים, און ווען מ'היט זיך בקדושה איז מען זוכה צו א גרויסן עשירות. וואס מער אפגעהיטן אלס גרעסערע עשירות.

אויפ'ן דערמאנטן פסוק פון "ועוצם עיניו מראות ברע" שרייבט הרה"ק רבי מאיר'ל דזשיקובער זי"ע אין ספר אמרי נועם (בראשית, ד"ה לחבר) אז שמירת עינים איז משפיע פאר א איד אסאך געלט און פרנסה בריוח, און דאס איז מרומז אינעם פסוק, ווען די סופי תיבות פון ועוצ'ם עיני'ו מראו'ת בר'ע איז די אותיות "מעות", געלט.

## הרה"ק מטאהש זי"ע: איך וועל ענק זאגן דעם סוד

אבער באזונדער ווערט זיין גאר מערקווירדיג צו ציטירן די ווערטער פונעם באריםטן צדיק פון פריערדיגן דור, הרה"ק מטאהש זי"ע, וואס ער האט געזאגט אפענע דיבורים אין דעם הינזיכט.

אין ספר "עבודת עבודה" (דף רמב), ווערט געברענגט די דיבורים וואס דער טאהשער רבי זי"ע האט געזאגט איין יאר מוצאי שבת פרשת שמיני בעפאר די יארצייט פון רבי ישעי'לע, ווי פאלגענד:

"טייערע תלמידים! ווער פון ענק קען מיך זאגן פון וואו האט גענומען דער רבי רבי ישעי'לע אזא גרויסע שפע, צו טיילן פאר אידישע קינדער צו עסן און טרינקען מיט אזא גרויסע הרחבה - ווער קען מיך ענטפערן א תשובה אויף די שאלה?"

ווען די תלמידים האבן גארנישט געענטפערט, האט דער רבי געזאגט:

"איך וועל ענק זאגן דעם סוד דערפון, ווייל רבי ישעי'לע איז געווען הייליג מיט שמירת היסוד אויף א גאר געוואלדיגן אופן, אזוויי עס האבן אויף אים עדות געזאגט צדיקים פון זיין דור, אז ער איז א נוטר ברית קיימא קדישא און איז א צדיק היסוד, דאס האט אים גורם געווען אז ער האט זוכה געווען צו אזא גרויסע השפעה, ווייל ווער עס איז אפגעהיטן מיט קדושת היסוד, איז מען אים משפיע פון הימל אזא שפע צו טיילן פאר אידישע קינדער צו עסן און א גרעניץ - דאס איז דער סוד דערפון!

"זיין הייליגער רבי פון ליסקא פלעגט זאגן: 'אויף מיין ישעי'לע גיב איך אכט'. דאס הייסט אז ער היט אויף זיין קדושה מיט די מדת היסוד.

"און וויאזוי האט רבי ישעי'לע זוכה געווען צו זיין אזא נוטר ברית, דאס איז געווען דורך זיין יראת שמים, ווייל זיין יראת שמים איז געווען גאר שטארק"

און דער טאהשער רבי זי"ע פירט אויס זיינע ווערטער מיט א ווענדונג און א ברכה צו זיינע תלמידים:

"דערפאר נעמט ענק פאר זיך צו פירן מיט יראת שמים אזוי ווי דער רבי רבי ישעי'לע, און דורך דעם וועט עטץ קענען פירן מיט קדושה, זיך פירן ווי א יוד אזוי ווי דער רבי רבי ישעי'לע, און דעמאלט וועט עטץ אויך זוכה זיין צו אזא שפע, צו טיילן פאר אידישע קינדער פרנסה מיט א גרויסע הרחבה".

ס'איז באמת א דבר פשוט פאר יעדן וואס לערנט די ווערטער פון חז"ל במשך אלע דורות, וואס אזויפיל פון אונזערע הייליגע רבי'ס האבן געזאגט אקוראט די ווערטער, אז שמירת עינים און קדושה וטהרה גייט סינאנים מיט ברכה און שפע. און דאס זעלבסט אז ס'גיסט זיך אזויפיל שפע ביי רבי ישעי'לע, איז נאנט פארבינדן מיט די קדושה וטהרה און יראת שמים וואס האט זיך דארט 'געוואלגערט אונטער'ן טיש'.

## הדבק בדרכיו: גיין אין די "וועגן" לויט זיינע וועגן

דבר בעתו מה טוב. אינעם טאג פונעם יומא דהילולא, ווען אידן זוכן צו טון אלעס זיך מקשר און מדבק זיין אין דעם הייליגן צדיק, מ'טוט וואס מ'קען זיך אפצולערנען פון אים און מעלה זיין זכרונו הבהיר, איז די פאסיגע צייט זיך מחזק זיין מיט עניני קדושה וטהרה, זיך היטן די אויגן, וכו', און ס'איז זיכער אז אין דעם זכות וואס מען ווערט נתעורר פון דעם גרויסן צדיק צו זיין "מעלין בקודש" און זיך אפהיטן בקדושה וטהרה, וועט ער זיכער משפיע זיין און אויס'פועל'ן כל משאלות לבבם לטובה.

מ'מעג באזונדער צולייגן, אז זינט אזויפיל טויזנטער אידן נוצן יעדן יאר אויס די געלעגנהייט און כאפן זיך אריבער צום הייליגן צדיק און זיין ציון הק', דארף מען ערשט זיך שטארקן און מחזק זיין, וואס כידוע איז "כל הדרכים בחזקת סכנה", ספעציעל דאס געפינען זיך אין לופטפעלדער און בפרט אין די זומערדיגע טעג איז ליידער א "מקום מוכן לפורעניות", און ס'איז בלי שום ספק אז דער הייליגער צדיק, וואס האט גענוצט זיין כח פון שפע צו משפיע זיין פאר אידן קדושה און יראת שמים, זוכט אודאי אז א נסיעה צו אים זעלבסט זאל זיין פולקאם ריין און לויטער בקדושה וצניעות יתירה.

מיט'ן גיין צום ציון מיט די ריכטיגע הכנה דרבה פון שמירת עינים און מרבה זיין בקדושה, זיך אכט געבן פון ראיות אסורות סיי ביים ברוך אתה בבואך און סיי ביים ברוך אתה בצאתך, וועט עס זיכער ברענגען דערצו אז דער צדיק זאל גיסן מיט ברכות וישועות וכל מילי דמיטב.



אלו המושלים ביצרם
(ב"ב עח:)

# ויאמרו המושלים

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות.**

## איפ'ן וועג קיין קערעסטיר

מיט עטליכע יאר צוריק, תשע"ח, האב איך זיך גענויטיגט אויף א ישועה אין א געוויסן ענין, און איך האב מחליט געווען צו פארן קיין קערעסטיר אין יארצייט פונעם הייליגן **רבי ישעי'לע קערעסטירער**. טויזנטער אידן ווערן דאך געהאלפן ביים גרויסן פועל ישועות, און איך האב אויך ארויסגעקוקט צו ווערן אויפגערארכטן בדבר ישועה ורחמים.

איך בין טאקע געפארן, איך בין געווען ביים ציון הק' אין דער יומא דהילולא, אבער די ערווארטע ישועה האט זיך נישט באוויזן. טיף אינעווייניג אין הארצן האב איך געשפירט אז איך וויים פארוואס. ווי יעדער ווייסט איז כל הדרכים בחזקת סכנה, די וועגן אויפ'ן פליגער און אין די לופטפעלדער טראגן מיט זיך גרויסע סכנות אז די אויגן זאלן בלייבן הייליג, און ליידער האב איך נישט גענוג שטארק אכטונג געגעבן דערויף. מ'קען נישט לאזן די אויגן ארומוואנדערן ווען מ'פארט צום הייליגן צדיק און אויס'פועל'ן אזוי א ישועה.

ווען ס'איז געקומען א יאר שפעטער, תשע"ט, און די ישועה איז נאך אלץ נישט געקומען, האב איך באשלאסן צו פארן נאכאמאל קיין קערעסטיר. דאסמאל ווי א איד דארף פארן, מיט דער ריכטיגער שמירת עינים אויף די וועגן אהין און צוריק, אז די נסיעה צום הייליגן רבי ישעי'לע זאל מיך נאר אויפהייבן העכער.

כך הווה, איך בין געווען אין קערעסטיר, און ב"ה דורכגעמאכט די וועגן מיט'ן זיך היטן די אויגן. ויהי לפלא, ממש א קורצע צייט נאכ'ן זיך צוריקקערן האב איך "געזען" א גרויסע ישועה, אויף אן אופן ממש חוץ לדרך הטבע!

(-)

## אוועקגעלייגט דאס הינטל

איך האב געוואלט מיטיילן א הפלא'דיגע מעשה, וואו איך האב געהאט א ישועה אין זכות פונעם הייליגן צדיק **רבי ישעי'לע קערעסטירער**.

איך וואוין אין מאנטיסעלא, וואו ס'וואוינט נעבן מיר א גוי'אישער שכן. פארשטייט זיך אלס חלק פון זייער גוי'אישער פאמיליע האבן זיי פארמאגט א הינטל, און צוויי מאל טעגליך פלעגן זיי ארויסנעמען דאס הינטל פאר א שפאציר. אין די זומער חדשים גייען זיי אנגעטון זייער אומ'צניעות'דיג, און ס'האט מיר זייער געשטערט יעדעס מאל וואס זיי זענען אריבער נעבן מיין הויז. זייער שפאציר איז מער וויניגער באשטאנען פון גיין אהין און אהער ממש פארנט פון מיין הויז אויף אן אופן וואס האט זייער געשטערט. איך האבן זיך מיינע קינדער געשפילט דארט און זיי זענען געווען אויסגעשטעלט צו דעם אלעם.



איך בין טאקע געפארן, איך בין געווען ביים ציון הק' אין דער יומא דהילולא, אבער די ערווארטע ישועה האט זיך נישט באוויזן. טיף אינעווייניג אין הארצן האב איך געשפירט אז איך וויים פארוואס.

ס'איז געקומען צו א מצב אז ס'איז געווארן ממש אומדערטרעגליך, און מיר האבן שוין ממש אנגעהויבן קלערן פון זיך אוועקציען פון דארט. ביזדערווייל האב איך אנגעפאנגען מתפלל זיין יעדן טאג ביים דאווענען: "רבש"ע, דו האסט מיך דא אהערגעשיקט, אבער מ'דארף דאך היטן די אויגן. אין בעט דיר, בזכות פונעם צדיק רבי ישעי' ב"ר משה זאלן זיי זיך אדער בייגן אדער לייגן!"

נאך עטליכע טעג רופט מיך מיין ב"ב אן און דערציילט מיר די פרייליכע בשורה: דאס הינטל האט זיך געלייגט אויף אייביג!

זי איז געזעסן אינדרויסן מיט די קינדער, ווען דער איידעם פונעם גוי'אישן שכן, וואס פלעגט זיך אסאך דרייען דארט, איז צוגעקומען, און דערציילט מיט טרויער זייער טראגעדיע. "מיר פארמאגן שוין דאס הינטל צוועלף יאר, און ער איז געווען געזונט און שטארק. קיינער ווייסט נישט וואס האט פלוצלינג פאסירט אז ער איז געשטארבן." פארשטייט זיך מ'האט אים באערדיגט אינעם בעקיארד כבכודו הראוי, מיט א צערעמאניע און בלומען, און דערנאך איז געווען סתימת הגולל. פון יענעם טאג און ווייטער זעט מען זיי כמעט נישט ב"ה!

מיר האבן קלאר געזען ווי דער באשעפער האט צוגעהערט די תפילות, אין זכות פון הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע, אז מיר זאלן נישט זיין אויסגעשטעלט צו די נסיונות.

איך וואלט סתם אזוי נישט געוואלט מפרסם זיין מיין מעשה ברבים, אבער אז ס'קען זיין א חיזוק פאר אנדערע אין שמירת עינים, איז אלעס כדי. הצלחה רבה.

*שרגא שטערן*

## איפ'ן בדחנות בענקל

ס'דערציילט **הרה"ג ר' מענדל ווייס שליט"א**:

איך בין לעצטנס געווען ביי א מצוה טאנץ, און איך בין נאכדעם צוגעגאנגען זיך באדאנקען פאר'ן בדחן אז די גראמען זענען געווען זייער שיין און הארציג. איך האב נישט געדענקט אז ער זאל זיין א באריטמטער בדחן, און ס'האט מיר אביסל געוואונדערט אז ער גראמט אזוי געשמאק און ס'באריבט אלעמען און מ'הערט נישט קיין סאך פון אים. האב איך אים געפרעגט דערוועגן, צי ער האט אסאך חתונות און ער איז מצליח.

זאגט מיר דער בדחן: "איך וועל דיר פארציילן א מורא'דיגע זאך. אין דער נישט-ווייטער פארגאנגענהייט פלעג איך טאקע נישט זיין אזוי פארנומען. מיט א שטיק צייט צוריק האב איך מקבל געווען אויף מיר צו זיין נזהר אין שמירת עינים. ווייסט דאך, בשעת מ'גראמט שטייט מען קעגן דער עזרת נשים, מ'רעדט פון זיי און צו זיי, און ס'איז זייער שווער נישט צו קוקן. אבער איך האב גענומען אויף מיר אז נישט קיין חילוק וואס, איך גיב נישט קיין בליק צו יענער זייט.

"פון דעמאלט האבן מיטאמאל אנגעהויבן פליסן טעלעפאן רופן מיט באשטעלונגען ווי קיינמאל פריער, און ב"ה איך בין מצליח. איך האב באשיינפערליך געזען ווי דער רבש"ע שיקט פרנסה!"

(-)

## דבר המערכת

המשך פון זייט 1 »»»

ער שון געהאט אסאך אינטערוויוס אין גרויסע צייטונגען און פאפולערע האטליינס, אבער אזא אפקלאנג ווי דעם אינטערוויו האט ער נאך קיינמאל נישט געהאט. ממש פון אלע עקן וועלט רופט מען אים. "איך האב נישט גע'חלומ'ט אז ענקער גליון ווערט אזוי שטארק פארשפרייט".

איך האבן מיר באקומען א געוואלדיגן אפרוף, און מ'זעט וויאזוי דער ציבור שעצט און אנערקענט די שטוינענדע מסירות נפש פון ר' מרדכי יצחק, און דעם לימוד וואס מ'דארף זיך פון דעם ארויסלערנען. ווי איינער האט זיך אויסגעדרוקט, "יעדער דארף טרעפן ביי זיך דעם פינטעלע ר' מרדכי יצחק...".

בזכות פון זיך מחזק זיין אין שמירת עינים וועלן מיר בקרוב אלע באפרייט ווערן פון די גרויסע טורמע, די ערות הארץ וואו מיר זענען לײדער געפאנגען, און דורכ'ן היטן די אויגן וועלן מיר אליין זיין פריי שוין יעצט, און ווערן פולקאם אויסגעלייזט דורך משיח צדקינו, בב"א.

## החכם עיניו בראשו

### עצות

# די ערשטע סעקונדע

איך האב געזען אן עצה וואס העלפט ביי מיר זייער גוט: ווען ס'קומט מיר אונטער א נסיון אין שמירת עינים, למשל ביים דורכפארן אן אדווערטייזמענט, פארמאך איך די ערשטע זאך די אויגן. צומאל ביידע, און אמאל איז גענוג אפילו איין אויג. נאכדעם וואס די אויגן זענען צוגעמאכט, קען מען מחליט זיין מיט'ן מח צי מ'וויל קוקן אדער נישט, אבער אין דער ערשטער סעקונדע האט מען אפילו נישט קיין בחירה, וויבאלד די אויגן גיבן א קוק ווי פון זיך אליין.

אז מ'געוואוינט זיך איין דאס צו טון פאר פערציג טעג, איז הרגל נעשה טבע. דאס קען זיין זייער א פאסיגע קבלה אין אין שמירת עינים. איינמאל מ'ווערט זיך צוגעוואוינען אזוי, וועט עס שפעטער זיין סאך גרינגער בעז"ה.

(-)

## מכתבים למערכת

### נישט דא קיין סודות...

איך וויל איבערגעבן א שטארק ווארט וואס איך האב געהערט פון **הרה"ג ר' וואלף אהרן טעלער שליט"א**:

אין פרשת וישב לערנט מען אין דער תורה די מעשה מיט ער ועונן, און די פרשה נאכדעם איז די געשיכטע פון יוסף הצדיק מיט אשת פוטיפר. וואס איז דער שייכות צוליב וואס די תורה איז מסמיך די צווי פרשיות?

נאר די ביידע מעשיות, סיי די עבירה פון ער ועונן און סיי דאס התגברות פון יוסף הצדיק, זענען פארגעקומען באהאלטענערהייט. ווען ער ועונן האבן געזינדיגט, האבן זיי געקלערט ביי זיך אז קיינער וועט קיינמאל נישט וויסן דערפון. אזוי אויך ווען יוסף הצדיק האט געהאט דעם נסיון מיט אשת פוטיפר, איז ער געווען אליין, אָן זיין טאטן און זיינע ברידער, און קיינער וואלט קיינמאל נישט געדארפט וויסן צי ער האט זיך יא געשטארקט אדער נישט.

למעשה זענען די ביידע פארשריבן געווארן אין דער תורה לנצח נצחים. ער ואונן זענען געבליבן לדראון עולם, ווי די משנה זאגט, "כל המחלל שם שמים בסתר נפרעין ממנו בגלוי," און די קדושה פון יוסף הצדיק איז געבליבן אויף אייביג פארצייכנט ביי כלל, און אידישע קינדער געניסן פון זיין זכות ביז'ן היינטיגן טאג.

דאס איז א געוואלדיגער לימוד ווען דער יצר הרע קומט איבעררעדן א מענטש אז קיינער זעט נישט און קיינער ווייסט נישט. מ'דארף געדענקען אז כל מעשיך בספר נכתבין. אזוי ווי ס'איז געווארן ארויסגעברענגט אינעם שיינעם שמועס דורך הרה"ג ר' בערל גורענליק אז יעדער מענטש שרייבט א בוך.

## מודעה חשובה

בס"ד וועט דער קומענדיגער גליון, לקראת ל"ג בעומר, זיין געווידמעט איבער דעם נושא פון

**שמירת עינים ביי א נסיעה**

וואו ס'וועלן ווערן צוזאמגענומען פארשידענע מאמרים, הלכות, עצות, מעשיות, זיך מחזק צו זיין מיט שמירת עינים בשעת א נסיעה.

אויב האט איר סיי וועלכע מעשה אדער ערפארונג וואס אנדערע קענען ניצן, ביטע רופט אריין און זייט מזכה את הרבים

845.999.4114 #1-2

## על הטוב יזכר

**זכות עמוד בגליון**

לע"נ הרה"ק רבי **לוי יצחק** בן **שרה סאשע** זי"ע **מבארדיטשוב**

מוה"ר **שמעון ווייס** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' **בנימין חיים זאב** ב"ר **משה** ע"ה

**זכות 4000 גליונות**

מוה"ר **יעקב ווינער** הי"ו - לע"נ הרה"ג ר' **שלמה אהרן ברוך ווינער** ע"ה בעמח"ס אסוך שמן ולע"נ ר' **משה אורי** בן ר' **יעקב בלוי** ע"ה

**זכות 2000 גליונות**

מוה"ר **יצחק סעגעדין** הי"ו

**זכות 1000 גליונות**

מוה"ר **ישראל חיים הערשקאוויטש** הי"ו, הרה"ח **אברהם משה לעבאוויטש** הי"ו, הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו, מוה"ר **יעקב מענדלאוויטש** הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב, מוה"ר **חיים יואל ביקעל** הי"ו - לרגל הולדת בתו למזל טוב, מוה"ר **אהרן שמואל פוקס** הי"ו, לע"נ הרה"ק רבינו **חיים** ב"ר **ארי' לייבוש** זצוק"ל מצאנז, **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**שותפי טהור עינים**
נדבנים חדשים מידי חודש בחדשו

מוה"ר **זלמן קרעמער** הי"ו, הרה"ג ר' **מענדל ווערצבערגער** שליט"א דומ"ץ סאטמאר מאנטריאל, מוה"ר **בנציון לאנדא** הי"ו, מוה"ר **גרשון גפן** הי"ו, **לזכות הנדבן** ולע"נ מוה"ר **אהרן** בן ר' **אברהם יצחק** ע"ה





טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש
1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בארץ ישראל 077.401.6591
כתובת המערכת: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528


**"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדזשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.**
אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
845.999.4114 #1-9